בס"ד

חקת - קרח בחו"ל

גליון 287

# דעם רבינ'ס ליכט



**אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין**
**וואס דא האט זיך גיטאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## פַארְגִינֶען פַאר אַ חַבֶר אַ גוּט וָוארְט

די וָואךְ דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועגְן דִי פְּטִירָה - די הִסְתַּלְּקוּת פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן אַרוֹיפְגֵיין צוּם הֹר הָהָר, אוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אִים אוֹיסְגֶעטוּן זַיינֶע בִּגְדֵי הַכְּהוּנָּה, אוּן אָנְגֶעטוּן פַאר זַיין זוּן אֶלְעָזָר, אוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז דָארְט נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן.

דֶערְצֵיילְט דִי תּוֹרָה: "וַיִּרְאוּ כָּל הָעֵדָה כִּי גָוַע אַהֲרֹן וַיִּבְכּוּ אֶת אַהֲרֹן שְׁלֹשִׁים יוֹם כֹּל בֵּית יִשְׂרָאֵל" זָאגְט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ "אַלֶע הָאבְּן גֶעוֵויינְט", מֶענֶער, פְּרוֹיעֶן, וַוייל אַהֲרֹן אִיז גֶעוֶוען אַ אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם, וּמֵטִיל אַהֲבָה בֵּין בַּעֲלֵי מְרִיבָה וּבֵין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ - עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט לִיבְּשַׁאפְט אוּן גֶעמַאכְט שָׁלוֹם צְוִוישְׁן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אָדֶער מַאן אוּן וַוייבּ וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט, דֶערִיבֶּער הָאבְּן אַלֶע גֶעוֵויינְט.

אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אֵיינֶעם פוּן דִי וָואס קְרִיגְן זִיךְ אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט דֶער אִיד מִיט וֶועמֶען דִי קְרִיגְסְט זִיךְ הָאט דִיר לִיבּ, יֶענֶער חַלִשְׁ'ט פַאר דִיר, עֶר הָאט אַ גְרוֹיס צַעַר אַז עֶר הָאט דִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט!",

דֶער חַבֵר פְרֶעגְט פוּן אַהֲרֹן, אַזוֹי?! אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט, עֶר הָאט מִיךְ יָא לִיבּ?! אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם צְוֵוייטְן, אוּן אִים אוֹיךְ גֶעזָאגְט: "דַיין חַבֶר הָאט צַעַר, עֶר קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט אַז עֶר הָאט דִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט", אַזוֹי הָאבְּן בֵּיידֶע חֲבֵרִים תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן זֶענֶען גֶעוָוארְן צוּרִיק בַּאפְרַיינְדֶעט. דֶערְפַאר הָאבְּן אַלֶע גֶעוֵויינְט בַּיי דִי פְּטִירָה פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן.

לָאמִיר זֶען אַ שְׁטִיקְל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין תּוֹרָה כ"ז וואוּ דֶער רֶבִּי רֶעדְט וֶועגְן שָׁלוֹם, וָואס מֶען קֶען אוֹיפְטוּן וֶועט מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אִיד אוּן מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ, אוּן עֶס אִיז דָא צְוִוישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַהֲבָה. דֶער רֶבִּי אִיז מְגַלֶּה אִין דִי תּוֹרָה אַזַא לָשׁוֹן: "לוֹיט דִי שָׁלוֹם וָואס אִיז דָא אִין דוֹר אַזוֹי קֶען מֶען צִיעֶן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַ דוֹר וָואס עֶס אִיז פַארְהַאן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן, קֶענֶען זֵיי רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן. אוּן דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען חוֹקֵר, אֵיינֶער מִיט צְוֵוייטְן, זֵיי טְרַאכְטְן, זֵיי פָארְשְׁטְן, וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, פוּן אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט".

דִי חֲבֵרִים זֶענֶען מַסְבִּיר אֵיינֶער פַארְן צְוֵוייטְן דֶעם אֱמֶת אַז סוֹף כָּל סוֹף בַּיים עֶנְדֶע וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט, נָאר וָואס עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעגְרֵייט דִי תּוֹרָה וּמִצְווֹת פַאר נָאךְ זַיין פְּטִירָה צוּם עוֹלָם הַנִּצְחִי, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן אִין מַסֶּכֶת אָבוֹת, אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם, עֶס בַּאגְלֵייט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ נָאךְ זַיין הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת - נִישְׁט קַיין דִימַאנְטְן נִישְׁט קַיין שְׁפִּילֶערַייעֶן, נָאר אֵיין זַאךְ, תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד. אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער רֶעדְט מִיטְ'ן צְוֵוייטְן וֶועגְן דֶעם תַּכְלִית, דוּרְכְדֶעם וַוארְפְן אַלֶע אַוֶועק דִי נַארִישְׁקַייטְן, אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, גֶעלְט מִיט כָּבוֹד,

א.א. וו.



אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְקָרֵב צוּם אֱמֶת, אוּן מֶען מֶען קֶערְט זִיךְ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, צוּ תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

טָאמֶער אָבֶּער חָלִילָה עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שָׁלוֹם, אוּן כָּל שֶׁכֵּן אוֹיבּ עֶס אִיז פַארְהַאן אַ מַחֲלוֹקֶת חַס וְשָׁלוֹם צְווִישְׁן צְווֵיי חֲבֵרִים, אָדֶער צְווֵיי קְבוּצוֹת, **אֲזַי אֵין מִתְוַעֲדִין יַחַד זֶה עִם זֶה**, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דוּרְכְקוּמֶען, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּזַאמֶען קוּמֶען, **וְאֵין אֶחָד מְדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ מֵהַתַּכְלִית**, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן מִיטְן חָבֵר פוּנֶעם תַּכְלִית, וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁמִּתְוַעֲדִים יַחַד אֲפִילוּ מֶען קוּמְט זִיךְ שׁוֹין יָא צוּנוֹיף, אֵין נִכְנָסִים דְּבָרָיו בְּלֵב חֲבֵרוֹ, דִי דִיבּוּרִים גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין חָבֵר'ס הַארְץ, מֵחֲמַת נִצָּחוֹן, ווייל יֶעדֶער אֵיינֶער ווִיל אוֹיסְפִּירְן.

כִּי מַחֲלֹקֶת וְנִצָּחוֹן אֵינוֹ סוֹבֵל הָאֱמֶת, אֵיינֶער ווָאס ווִיל נִצָּחוֹן קֶען נִישְׁט סוֹבֵל זַיין דֶעם אֱמֶת, ווייל עֶר ווִיל אוֹיסְפִּירְן. נִמְצָא שֶׁעִקַּר הִתְרַחֲקוּת מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ שֶׁל רֹב בְּנֵי-אָדָם הִיא עַל-יְדֵי הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁנִּתְרַבָּה עַכְשָׁו בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים. הַמָּקוֹם יְרַחֵם. ווייל אוֹיבּ אַלֶע ווָאלְטְן זִיךְ דוּרְכְגֶעקוּמֶען צוּזַאמֶען, ווֶעלְט מֶען גֶעזֶען אַז בֶּאֱמֶת ווִילְן אַלֶע דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. (עי' תורה קכ"ב)

ר' נָתָן זָאגְט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, אַז דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאבְּן גֶעהַאט אֵיין רֶבִּי, אָבֶּער יֶעדֶער תַּלְמִיד הָאט גֶעהַאט אַן אַנְדֶערֶע עֲבוֹדָה, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען שְׁטַארְק אִין חֶסֶד, אֵיינֶער הָאט גֶעמַאכְט פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, אֵיינֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט כּוֹחוֹת אוּן גֶעדַאווְנְט עֶטְלִיכֶע שָׁעָה, אֵיינֶער הָאט גֶעדַאווְנְט שְׁנֶעל אוּן שְׁטִיל, בַּיי אֵיין תַּלְמִיד אִיז גֶעוֶוען מֶער תּוֹרָה, יֶעדֶער תַּלְמִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען אוּנְטֶער אֵיין רֶבִּי.

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אוּנְז דַארְף מֶען ווִיסְן, אַז הַגַם דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן פַארְשִׁידֶענֶע עֲבוֹדוֹת, דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּפִלָּה, נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, תּוֹרָה, שִׂמְחָה, הִתְעוֹרְרוּת, הִתְחַזְּקוּת, חֲצוֹת, אַסַאךְ פַארְשִׁידֶענֶע עֲבוֹדוֹת פַארְמָאגְן מִיר, טָאר מֶער אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן קֵיינֶעם, אַלֶע חֲבֵרִים זֶענֶען חָשׁוּב, יֶעדֶער ווִיל דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט זַיין נְקוּדָה ווָאס אִיז שַׁיָּיךְ פַאר זַיין נְשָׁמָה, מֶער טָאר חָלִילָה נִישְׁט לַאכְן פוּן אַ חָבֵר, נָאר מְכַבֵּד זַיין דִי חֲבֵרִים, לִיבּ הָאבְּן אַלֶע חֲבֵרִים.

מֶען זֶעט טַאקֶע ווֶוען דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ יַעֲקֹב אָבִינוּ, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז אֶפְשָׁר הָאבְּן זֵיי אֶפְשָׁר אַ שִׁנּוּי אִין זֵייעֶרֶע דֵעוֹת, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט נֵיין! שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, הֶער אוּנְזֶער טַאטֶע יִשְׂרָאֵל, ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵיינְס. אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אוּנְז אַלֶע חֲבֵרִים שְׁרֵייעֶן דֶעם זֶעלְבְּן שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, דִי זֶעלְבֶּע תּוֹרָה, דִי זֶעלְבֶּע שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, דִי אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז דָא חִילוּקִים, אָבֶּער דֶער עִיקָּר אִיז דִי אַהֲבָה.

דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ ווָאלְט גֶעוֶוען אַהֲבַת חֲבֵרִים ווָאלְט שׁוֹין פוּן לַאנְג גֶעקוּמֶען דִי גְּאוּלָה". דֶער אֲרִ"י הָאט גֶעוָוארְנְט מֶען זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג פַארְן דַאוֶוענֶען: "הֲרֵינִי מְקַבֵּל עָלַי מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁל וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ", לִיבּ הָאבְּן אַ חָבֵר, פַארְגִינֶען פַאר אַ חָבֵר אַ גוּט ווָארְט, אַ שְׁמֵייכְל, אִים גֶעבְּן אַ גוּטֶע זַאךְ. דוּרְכְדֶעם ווֶעלְן מִיר מְקָרֵב זַיין דִי גְּאוּלָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא אִין תּוֹרָה כ"ז אַז דִי גְּאוּלָה קוּמְט דוּרְךְ שָׁלוֹם.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זֶען דִי שֵׁיינְקַייט פוּן אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים אוּן זִיךְ קֶענֶען צַאמְקוּמֶען, דוּרְכְדֶעם ווֶעלְן מִיר זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב מַמָּשׁ צוּ בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ ווֶעלְכֶער ווֶערְט גֶערוּפְן 'שַׂר שָׁלוֹם', עֶס ווֶעט זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן דִי חֲבֵרִים, ווֶעט זַיין דִי גְּאוּלָה הַשְּׁלֵמָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# איין מעשה'לע





**ווער גֶעדֶענְקְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב ל"ג בָּעֹמֶר?!**

יָא, נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק הָאבּ זִיךְ מַיין טַאטֶע גֶעשְׁלֶעפְּט אוֹיף דִי בֶּערְג צוּ אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּן הַתַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, נָאךְ שָׁעָה'ן פוּן קְלֶעטֶערְן אוֹיף דִי בֶּערְג אִיז עֶר עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען אוּנְטֶער דִי מְעָרָה פוּן הַלֵּל,

בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁווִינְד אַרַיינְגֶערוּקְט נֶענְטֶער צוּם הֵיילִיגְן בִּנְיָן פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי מִיט אַ תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז דִי פָּאלִיצַיי זָאלְן אִים נִישְׁט בַּאמֶערְקְן אוּן עֶר זָאל קֶענֶען זִיךְ אוֹיסְגִיסְן זַיין הַארְץ, מַאכְן דִי הֵיילִיגֶע רִקּוּדִין שֶׁל מִצְוָה אִין מִירוֹן א.א.וו.

מַיין טַאטֶע אִיז אָנְגֶעקוּמֶען 7:30 אִינְדֶערְפְרִי, גְלַייךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוְוענֶען אִינֶעם אֹהֶל וָואס אִיז גֶעוָוען אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט (נֶעבְן שֶׁטַח תוא"י).

נָאךְ עָלֵינוּ קוּמְט צוּ צוּ אִים אַ בָּחוּר'ל אוּן פְרֶעגְט פוּן מַיין טַאטֶע אוֹיב עֶר קֶען בָּארְגְן תְּפִלִּין, מַיין טַאטֶע הָאט אִים אָנְגֶעוויזְן וואוּ זַיין תְּפִלִּין לִיגְט אִין אַ זֶעקְל (מַיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען זַיין טַלִּית בַּייטְל, נָאר זַיין רַשִׁ"י'ס תְּפִלִּין מִיט אַ טַלִּית אִין אַ זֶעקְל).

עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ שָׁעָה צְווֵיי מַיין טַאטֶע וויל נֶעמֶען זַיין זֶעקְל מִיט תְּפִלִּין אוּן טַלִּית אוּן בַּאמֶערְקְט אַז דִי תְּפִלִּין לִיגְט טַאקֶע צוּרִיק אִין זֶעקְל אָבֶּער דִי שֵׁיידֶעלֶעךְ אוּן דִי בַּייטְל פוּן דִי תְּפִלִּין אִיז נִישְׁטָא. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס דֶער בָּחוּר הָאט עֶס נִישְׁט צוּרִיקְגֶעלֵייגְט...

עֶטְלִיכֶע שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער קְלִינְגְט מֶען צוּ אוּנְז אִין שְׁטוּב, אַז אַ בָּחוּר הָאט גֶעבָּארְגְט פוּן עֶנְק תְּפִלִּין, עֶר הָאט עֶס גֶעוָואלְט צוּרִיק לֵייגְן אִין בַּייטְל אָבֶּער ווען דֶער בָּחוּר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען נָאךְ שַׁחֲרִית הָאט עֶר נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דִי בַּייטְל מִיט דִי שֵׁיידֶעלֶעךְ, בְּלֵית בְּרֵירָה הָאט עֶר דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַזוֹי אָפְן אִינֶעם זֶעקְל. זֶעט אוֹיס אַז דֶער גוֹי וָואס הָאט גֶערֵיינִיגְט הָאט עֶרְגֶעצְוואוּ פַארְפַּאקְט דִי תְּפִלִּין בַּייטְל.

דֶער בָּחוּר פְרֶעגְט אוֹיב מֶען דַארְף בַּאצָאלְן, מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף נִישְׁט זָארְגְן ווֶעגְן דִי גֶעלְט, מַיין טַאטֶע אִיז אִים מוֹחֵל.

אַזוֹי הָאט זִיךְ מַיין טַאטֶע אַרוּמְגֶעדְרֵייט מִיט דִי תְּפִלִּין אָן אַ בַּייטְל אוּן אַ שֵׁיידְל. אָבֶּער מְיַיאֵשׁ גֶעוָוען הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט, עֶר הָאט טִיף אִין הַארְצְן גֶעגְלֵייבְּט אַז אַלֶע אֲבֵדוֹת לִיגְן בַּיים צַדִּיק.

**

ווִיפִיל אַזֵיגֶער ווֶעט זַיין אַ מִנְיָן שַׁחֲרִית מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי?! הָאט מַיין טַאטֶע זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִירוֹן דָאס יָאר דֶער שַׁבָּת וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְמָארְגְנְס פוּן שָׁבוּעוֹת. מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ ווַיילְן שָׁבוּעוֹת אִין מִירוֹן, מַיין טַאטֶע הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט דַאוְוענֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶע שַׁחֲרִית שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט, אַ תְּפִלָּה בְּכֹחַ.

אוֹיף דִי מוֹדָעוֹת אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַז ס'ווֶעט זַיין אַ מִנְיָן נֵץ אוּן אַ מִנְיָן צוּם עֶרְשְׁטְן זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע, מַיין טַאטֶע הָאט גֶעפְּלַאנְט צוּ דַאוְוענֶען בַּיים קְרִיאַת שְׁמַע מִנְיָן, לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען מִיר אַבִּיסְל פַארְשְׁלָאפְן, דֶעם מִנְיָן הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט, אָבֶּער עֶס הָאט זִיךְ ב"ה צַאמְגֶענוּמֶען אַ שֵׁיינֶעם צִבּוּר אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוְוענֶען צוּם צְווֵייטְן זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע. מַיין טַאטֶע נֶעמְט אַ סִדוּר אוּן אַ חֻמָּשׁ אוּן זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף אַ פְּלַאץ.

ווִי נָאר עֶר עֶפְנְט דֶעם סִדוּר, עֶר ווִיל אָנְהֵייבְּן דַאוְוענֶען זֶעט עֶר אוּן פָארְנְט פוּן זַיין סִדוּר לִיגְט "זַיין תְּפִלִּין בַּייטְל מִיט דִי שֵׁיידֶעלֶעךְ פַאר זַיין נָאז!!!!"

וואוּ קוּמֶען זֵיי דָא אַהֶער?! ווֶער הָאט פַארְזִיכֶערְט אִיז פוּן ל"ג בָּעֹמֶר בִּיז שָׁבוּעוֹת זָאל זִיךְ עֶס דְרַייעֶן אִין אַלֶע עֶקְן פוּן מִירוֹן אוּן עֶס זָאל פּוּנְקְט יֶעצְט לִיגְן אוֹיפְן שַׁבָּת'דִיגְן טִישְׁטוּךְ פָארְנְט פוּן מַיין טַאטֶע'ס פְּלַאץ בַּיים דְרִיטְן מִנְיָן שַׁחֲרִית, נָאכְן פַּרַאוְוענֶען אַ יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִין מִירוֹן ווֶען הוּנְדֶערְטֶער אִידְן זִיצְן אוּן לֶערְנֶען שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט, פּוּנְקְט בַּיי דֶעם פְּלַאץ אוּן בַּיי דֶעם צַייט אִיז עֶס צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּם רִיכְטִיגְן בַּעַל הַבַּיִת?!

**אֵיין תֵּירוּץ אִיז דָא: "אַלֶע אֲבֵדוֹת לִיגְן בַּיים צַדִּיק!!".**

**דָאס אִיז אַ חִזוּק פַאר אוּנְז אַלֶע, אַז מֶען אִיז נָאנְט צוּ אַ צַדִּיק ווֶעט מֶען נִישְׁט פַארְלִירְן קֵיין שׁוּם זַאךְ, אַלֶע אוּנְזֶערֶע פַארְלוֹירֶענֶע זַאכְן ווֶעלְן מִיר בְּעֶזְרַ הַשֵּׁם צוּרִיק טְרֶעפְן בְּקָרוֹב.**




*אין קורצן פון פריער:*

*דער רבי שטעלט אויס אן אנגעפאקטן סדר הלימוד פאר רבי נתן. און ער הייסט אים אנהייבן צו לערנען קבלה. אויב ער פארשטייט נישט זאל ער פארן ווייטער און מיט די צייט וועלן אים אלע קשיות פארענטפערט ווערן.*

אצינד ליינט ווייטער:

## נישט טראכטן...

איינמאל האט רבי נתן זיך אויסגערעדט צום רבי'ן איבער די בלבולים וואס דערקוטשען אים כסדר, ווען ער וויל אויספירן געוויסע מצוות ווי למשל נטילת ידים. יעדעס מאל האט ער ספיקות צי ער האט ריכטיג מקיים געווען די מצוה אדער נישט. דער רבי האט אים געענטפערט: "איך האב דיר שוין געזאגט אז דו זאלסט זיך גארנישט צוטון מאכן פון אזעלכע מחשבות."

ביי א צווייטן געלעגנהייט, האט רבי נתן געזאגט צום רבי'ן, אז אייגנטליך, אויך דער אנזאג, אז ער טאר זיך נישט צוטון מאכן פון די סארט מחשבות, דאס אליין פארשאפט אים בלבולים.

"הייב נישט אן צו טראכטן בכלל!" האט דער רבי אים געענטפערט.

דאס איז א געוואלדיגע עצה וואס קומט צוניץ אין אלע הינזיכטן פון לעבן. זייער אפט פאסירט אז מענטשן ווערן פארפלייצט מיט שטורעמישע געפילן און איבערטראכטונגען וואס שטורעמען אין זיין מח אז ער פארלירט זיין גאנצע ישוב הדעת צו קענען טראכטן קלאר. און ווי מער זיין קריגן זיך מיט די מחשבות, זי ארויסצוטרייבן פון זייער קאפ, אלץ מער קומען זיי צוריק און לאכן אים אין פנים. די עצה פון רבי'ן איז אינגאנצן צו איגנארירן די סארט מחשבות און ווייטער אנגיין מיט וואס מען האלט אינמיטן טון יעצט, אזוי וועלן די מחשבות צוביסליך אויסגעוועפט ווערן.

## אסאך טרערן פארגיסן

רבי נתן האט אמאל זיך אויסגערעדט צום רבי'ן איבער זיינע מוטשעונישן אין עבודת השם, נוצנדיג דעם לשון פון דוד המלך אין תהילים: "יָגַעְתִּי

בְּקָרְאִי נִחַר גְּרוֹנִי כָּלוּ עֵינַי מְיַחֵל לֵאלֹקָי (תהלים סט, ד) איך בין שוין מיד פון וויינען, מיין האלז איז הייזעריג, מיינע אויגן זענען ערשעפט פון האפן צום באשעפער."

דער רבי האט געזאגט דערויף: "אויב אזוי, וואס איז דא צו טון? מען טאר דאך נישט פרעגן קיין שאלות אויפן אויבערשטן און דער באשעפער איז דאך זיכער גוט." און ער האט צוגעלייגט: "אויב דוד המלך האט געזאגט אז ער איז מיד פון וויינען און זיין האלז איז הייזעריג, האט ער עס זיכער געמיינט אין א פיזישן זין. ער האט שוין אזויפיל געוויינט אז ער איז שוין געווען פיזיש אויסגעמוטשעט. אבער דו, געלויבט דעם אויבערשטן, דו האסט נאך כח..."

ביי א געלעגנהייט, האט דער רבי מיטגעטיילט מיט רבי נתן אז אויך ער האט שוועריגקייטן אין עבודת השם, דאס האט זייער מחזק געווען רבי נתן. דער רבי האט דערציילט: "פארגאנגענעם פרייטאג צונאכטס, האב איך ביטער געוויינט; פארוואס איז דאס אזוי, אז וואס אימער איך דארף טון אין עבודת השם, קומט מיר אן אזוי שווער? איך דארף כמעט אלעס טון מיט מסירת נפש ממש! למשל, אינדערפרי ווען איך שטיי אויף און איך וויל זיך שטעלן דאווענען, איז מיר אוממעגליך אפילו צו עפענען מיין מויל און איך קען זיך נישט מעורר זיין צום דאווענען."

רבי נתן איז געווען איבערראשט פון וואס דער רבי האט אים דא אנטפלעקט. ער שרייבט: פון דעם האב איך ארויסגענומען א מוסר השכל און א התעוררות צו עבודת השם. אז אויב אזא גרויסער צדיק און קדוש ווי דער רבי, דארף זיך אזוי אנשטרענגען ביי יעדע תפילה און עבודה, איז וויפיל מער, דארפן אזעלכע מענטשן ווי אונז טון אלעס אין אונזער מעגליכקייטן זיך צו צווינגען צו עבודת השם. ובפרט צו דאווענען מיט כוונה און ברען. מיר דארפן זיך ראנגלען, ארבעטן און זיך שטופן מיט אזעלכע כוחות, טאג נאך טאג, אפילו ווען עס איז שווער; מיט א האפענונג אז אפשר וועט אונז געלונגען צו ארויסרעדן אפילו בלויז עטליכע ווערטער פונעם דאווענען ווי עס דארף צו זיין.

## אפשר קענסט טרעפן די וועג אנצוקומען צום ציון פון הייליגן רבי'ן?



# פלאמען אויפן קאלטן אייז

## קאפיטל 5




*המשך פון פריער*

*מעכיל לערנט אין דער באהאלטענער חדר אין קיעוו, ווען עס לאקערט יעדן טאג א סכנה צו געכאפט ווערן דורך די קאמוניסטן. איין טאג באקומט ער א בריוו פון זיין טאטע מיט א בלאט פון א צייטונג וואו עס שטייט שענליכע זאכן אויף זיין טאטע. מעכיל דערשרעקט זיך זייער. ער איז נישט קיין ברסלב'ער חסיד אבער ער האט געהערט אז אין אומאן געפינט זיך דער ציון פון א צדיק. ער רייכט זיינע טריט אהין. דריי שעה פארגיסט ער טרערן. זיין טאטע האט געהאט א ישועה. ער בלייבט שוין אין אומאן און ווערט פארערכנט צווישן די עובדים אין אומאן.*

אצינד לייענט ווייטער:

## בשעה טובה ומוצלחת

הרה"ח רבי אברהם שטערנהארץ זצ"ל – אן אייניקל פון רבי נתן, האט געהאלטן אן אויג אויפ'ן פלאם פייערדיגן בחור – מעכיל, וועלכער איז נישט לאנג צוריק אנגעקומען דא אהער און ער ווערט שוין פארערכנט צווישן די דעהויבענע לייט אין אומאן. ער איז נאר א יונגער בחור'ל, און פירט עבודות ווי גרויסע לייט.

עס איז אים גלייך איינגעפאלן א געדאנק. ער האט געשיקט א בריוו צו זיין זון, ר' נתן, אז עס געפונט זיך דא א גאלדענער בחור פאר זיין אייניקל, קורץ דערנאך איז דער שידוך געשלאסן געווארן. אזוי ארום האט ר' מעכיל זוכה געווען ארייינצוקומען אין דעם הייליגן יחוס פון רבי נתן!

די חתונה איז באשטימט געווארן און ר' מעכיל האט זיך אנגעהויבן גרייטן צו זיין חתונה. ער איז ליידער א יתום, אבער זיין מאמע קוקט אראפ פון איר הויכן ארט אין גן עדן און באגלייט איר באליבטע זון אויף טריט און שריט.

ר' מעכיל האט נישט געהאט קיין געלט צו גיין איינקויפן שטאפיר. די ארימקייט אין אומאן אין יענע צייט איז געווען גרויס. אז מען האט געהאט א שטיקל ברויט, האט מען געדארפט זיין גליקליך. ר' לוי יצחק בענדער ז"ל, פלעגט שטענדיג דערציילן פון די ארימע חתונות וואו מען האט געפראוועט אין אומאן. ס'איז געווען אביסל ברויט מיט הערינג, אבער די שמחה איז געווען געוואלדיג גרויס.

ר' מעכיל פלעגט שילדערן די שמחה וואו די חברים האבן אפגעראכטן ביי זיין חתונה. ניין, ס'זענען נישט געווען קיין זינגערס מיט שפילערס, נאר מען האט געפויקט מיט לעפלעך אויף א



טאפ... אבער דער עולם האט געטאנצט מיט א געוואלדיגע שמחה אין אלע עולמות. ס'איז געווען א פרייד מיט א שמחה וואס גשמיות קען נישט געבן.

מעבל פאר די דירה'לע, איז נישט געווען פון וואס צו רעדן. גוטע פריינט און שכנים האבן אריינגעברענגט זייער אפגעשפארטע האב-און-גוטס אויף בארג אז דאס פארפאלק זאל נישט

האבן מיט גרויס אנשטרענגונג אוועקגעבארגט. ר' מעכיל האט זיך געבעטן צו זיי, אז זיי זאלן מסכים זיין צוווארטן ביז נאך שבת, אז ער זאל האבן נאך אביסל צייט צו בעטן דעם אויבערשטן פאר הרחבה.

דער אויבערשטער האט אים טאקע געהאלפן,



אהיימקומען צו א ליידיגע דירה. מען האט געשלעפט בעטן, א טיש און צוויי בענקלעך, יעדעס שטיקל אין אן אנדערע פארם און מאס.

נאך צוויי וואכן זענען צוביסליך די בעלי בתים געקומען אפנעמען זייער פארמעגן, וואס זיי

מיט גרויסע ניסים האט ער מצליח געווען צאמצוקראצן אביסל מעבל וואס איז געווען גענוג פאסיג צו קענען זיצן בייטאג און אויסציען די ביינער ביינאכט.

פארזעצונג קומט אי"ה

# ווערטער וואס ברעכן שטיינער

אַ פְרַיינְטְלִיכֶע שְׁמוּעֶס אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: ״חֶזְקִי, וָואס פְּלַאנְסְטוּ צוּ טוּן וֶועגְן דִי בְּחִינָה אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה?״ חֶזְקִי אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן פַארְלוֹירְן אוּן הָאט גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ וֶועל זִיךְ שׁוֹין אַן עֵצָה גֶעבְן אִינְאֵיינֶעם מִיט מַיינֶע חֲבֵרִים; זֵיי זָאגְן אַז מְ׳דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן...״

״מֵיינְסְטוּ טַאקֶע אַז זֵיי קֶענֶען דִיר הֶעלְפְן?!״ הָאט רֶבִּי שְׁמוּאֵל זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט. ״זֵיי שְׁטֵייעֶן דָאךְ פַּאר דִי זֶעלְבֶּע בְּחִינָה וִוי דִיר, אוּן אוֹיף זֵיי קוּקְט מֶען דָאךְ אוֹיךְ מִיט זִיבְּן אוֹיגְן. זֵיי הָאבְן דִיר גָארְנִישְׁט וָואס צוּ צוּגֶעבְן. הִיט דִיךְ! הֶער דִיךְ נִישְׁט צוּ צוּ זֵיי! וִויסְן זָאלְסְטוּ: דֶער טָאג וֶועט קוּמֶען וֶוען דוּ וֶועסְט מוּזְן דוּרְכְגֵיין דִי בְּחִינָה, אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין גְרֵייט, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען דֶעם חוֹמֶר אוּן נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט דִי נוֹיטִיגֶע עֶרְנְסְטְקַייט, וֶועסְטוּ הָאבְן אַ בִּיטֶערְן דוּרְכְפַאל! דוּ וֶועסְט מוּזְן

המשך פון די לעצטע זייט

זוּכְן אַ שְׁוַואכֶערֶע יְשִׁיבָה וָואס וֶועט דִיר אֶפְשָׁר מַסְכִּים זַיין אָנְצוּנֶעמֶען.״ חֶזְקִי הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אָבֶּער וָואס קֶען אִיךְ טוּן? אִיךְ בִּין דָאךְ אַ חֵלֶק פוּן דִי קְבוּצָה, אוּן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען עֶרְנְסְט, וֶועלְן מִיךְ אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים אוֹיסְלַאכְן...״

וֶוען רֶבִּי שְׁמוּאֵל הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵיידְט, וַוייל עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז זַיינֶע וֶוערְטֶער הֵייבְּן אָן אַרַיינְצוּדְרִינְגֶען אִין חֶזְקִי׳ס הַארְץ. עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז עֶר מוּז וַוייטֶער רֶעדְן מִיט אִים אוּן אִים מְחַזֵּק זַיין אַז עֶר זָאל זִיךְ חַבֶרְ׳ן מִיט עֶרְלִיכֶע אוּן וואוֹילֶע חֲבֵרִים, פּוּנְקְט וִוי דֶער בַּעַל תְּפִילָה הָאט גֶעפוּנֶען אַ נֶחָמָה וֶוען דֶער שׁוֹמֵר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַלֵיין קֶעגְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פַארְשְׁטֵייעֶנְדִיג אַז זַיינֶע רֵייד הָאבְן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין זַיין הַארְץ.




## סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

אוּן אַזוֹי [וַוייטֶער] הָאבְן זֵיי גֶעטָאן זֵייעֶרֶע ׳אִיבְּרִיגֶע עֲבוֹדוֹת׳ (דְהַיְינוּ: דִי זַאכְן וָואס זֵיי פְלֶעגְן דֶערְמִיט צוּ דִינֶען זֵייעֶרֶע ׳גָאטְן׳)!

אוּן דֶער ׳גִבּוֹר׳, אִיז אַלֶעמָאל נֶענְטֶער צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵיי! אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שִׁיקְן צוּ זֵיי זַיינֶע ׳גִבּוֹרִים׳: ״וָואס זֵיי וִוילְן״ [צוּ זֵיי וִוילְן זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין אוּנְטֶער אִים]?! אַזוֹי־וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען, כַּנַ״ל. אִיז אוֹיף זֵיי גֶעוֶוען אַ ׳גְרוֹיסֶער פַּחַד׳, אוּן זֵיי הָאבְן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טָאן!

הָאבְן זֵיי דִי ׳סוֹחֲרִים׳ זֵייעֶרֶע אַ ׳עֵצָה׳ גֶעגֶעבְן: ״בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אַ ׳מְדִינָה׳, וָואס דִי גַאנְצֶע ׳מְדִינָה׳ זֶענֶען אַלֶע ׳גָאטְן׳, אוּן פָארְן מִיט ׳מַלְאָכִים׳!

דְהַיְינוּ: יֶענֶע ׳מְדִינָה׳, אִיז דִי גַאנְצֶע ׳מְדִינָה׳, פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס, זֶענֶען אַלֶע ׳וִוילְד־גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֵייעֶר׳ – בִּיז דֶער ׳קְלֶענְסְטֶער׳ פוּן דֶער ׳מְדִינָה׳, אִיז אַ ׳גָאט׳ – (וֶועדְלִיג [לוֹיט] זֵייעֶר ׳נַארִישׁ פַארְפִירְטְקַייט׳ [פַארְבְלָאנְדְזֶעטְקַייט] –

וָוארְן דֶער ׳קְלֶעֶנְסְטֶער׳ פוּן דֶער ׳מְדִינָה׳, אִיז אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳עוֹשֶׁר׳, אוּן הָאט אַזוֹיפִּיל ׳גֶעלְט׳, וִויפִּיל בַּיי זֵיי אִיז אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] אַז מִיט ׳אַזוֹיפִּיל גֶעלְט׳ אִיז מֶען שׁוֹין אַ ׳גָאט׳, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

אוּן זֵיי פָּארְן מִיט ׳מַלְאָכִים׳! – וָוארְן זֵייעֶרע ׳פֶערְד׳, זֶענֶען צוּגֶעדֶעקְט מִיט אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳גְרוֹיס עֲשִׁירוּת׳, מִיט ׳גָאלְד׳, אוּן נָאךְ אַזוֹי אַ [אַזַא] גְלַייכְן – וָואס אַ ׳דֶעק׳ פוּן אַ ׳פֶערְד׳ (פוּן דֶער ׳מְדִינָה׳), טְרֶעפְט אָן וִויפִיל בַּיי זֵיי הָאט אַ ׳מַלְאָךְ׳ (דְהַיְינוּ: מִיט [אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט] ׳אַזוֹיפִיל גֶעלְט׳ וִוי אַ ׳דֶעק׳ פוּן אַ ׳פֶערְד׳ טְרֶעפְט אָן בַּיי דֶער ׳מְדִינָה׳ – אִיז מֶען בַּיי זֵיי שׁוֹין מִיט אַזוֹיפִיל ׳גֶעלְט׳ אַ ׳מַלְאָךְ׳)!

נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס]: פָּארְן זֵיי מִיט ׳מַלְאָכִים׳ – [אַז] זֵיי שְׁפַּאנֶען אַיין ׳דְרֵיי פָּאר מַלְאָכִים׳, אוּן פָּארְן מִיט זֵיי! בְּכֵן [דֶערִיבֶּער]! בַּאדַארְפְט אִיר שִׁיקְן צוּ ׳דֶער [דָאזִיגֶער] מְדִינָה׳ – אוּן זֵיי וֶועלְן אַייךְ בְּוַודַאי הֶעלְפְן – וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע ׳גָאטְן׳״! (אַזוֹי אִיז אַלְץ גֶעוֶוען דִי ׳עֵצָה׳ פוּן זֵייעֶרע ׳סוֹחֲרִים׳)!

אִיז דִי ׳עֵצָה׳ זֵיי זֵייעֶר גֶעפֶעלְן! – וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט: ״אַז זֵיי וֶועלְן בְּוַודְאַי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן דוּרְךְ ׳יֶענֶער מְדִינָה׳! וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ דָארְט אַלֶע ׳גָאטְן׳, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]״!

אוּן דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳ הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען:

״עֶר וֶועט נָאכְאַמָאל גֵיין צוּ דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] ׳מְדִינָה׳ [פוּן עֲשִׁירוּת] – טָאמֶער וֶועט עֶר זֵיי פָּארְט אַרוֹיסְפִירְן פוּן זֵייעֶרע ׳נַארִישְׁקַייט׳״! אוּן עֶר אִיז אַהִינְגֶעגַאנְגֶען – אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי ׳שׁוֹמְרִים׳!

אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט ׳אֵיין שׁוֹמֵר׳, אַזוֹי־וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז! – הָאט אִים דֶער ׳שׁוֹמֵר׳ דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם ׳גִבּוֹר׳: ״אַז זֵיי הָאבְּן גְרוֹיס ׳פַּחַד׳ פַאר אִים״! הָאט אִים דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳ גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס הָאט אִיר בְּדֵיעָה צוּ טָאן״?!

הָאט אִים דֶער ׳שׁוֹמֵר׳ דֶערְצֵיילְט דִי זַאךְ הַנַ״ל: ״אַז זֵיי ווילְן שִׁיקְן צוּ דֶער ׳מְדִינָה׳ וָואס זֵיי זֶענֶען אַלֶע ׳גָאטְן׳ וְכוּ׳, כַּנַ״ל.

הָאט דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳ אוֹיס אִים זֵייעֶר גֶעלַאכְט [אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלַאכְט]! – אוּן עֶר הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: ״דָאס אִיז [דָאךְ] זֵייעֶר אַ ׳גְרוֹיס נַארִישְׁקַייט׳! – וָוארְן זֵיי זֶענֶען [נָאר] ׳מֶענְטְשְׁן׳ אַזוֹי־וִוי מִיר (דְהַיְינוּ: דִי ׳מְדִינָה׳ וָואס זֵיי הָאבְּן אַהִין גֶעוָואלְט שִׁיקְן [צוּ זֵיי], זֵיי זֶענֶען ׳נָאר מֶענְטְשְׁן׳)! – אוּן אִיר אַלֶע מִיט אֵייעֶרע ׳גָאטְן׳, זֶענֶען אַלֶע ׳נָאר מֶענְטְשְׁן׳! – אוּן סְ׳אִיז קֵיינֶער [פוּן עֶנְק] קֵיין ׳גָאט׳ נִישְׁט! – סֶע [סְ׳אִיז] מֶער נִישְׁט פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען], נָאר ׳אֵיין גָאט׳ אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶער וָואס הָאט אַלֶע בַּאשַׁאפְן! – אוּן ׳אִים אַלֵיין׳ בַּאדַארְף מֶען נָאר צוּ דִינֶען! אוּן צוּ אִים בַּאדַארְף מֶען נָאר מִתְפַּלֵל זַיין! אוּן נָאר דָאס אִיז דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳ אוֹיף דֶער וֶועלְט״!

אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן נָאךְ אַזוֹינֶע רֵייד, הָאט אַלְץ דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳ גֶערֶעדְט מִיט דֶעם ׳שׁוֹמֵר׳!

אוּן דֶער ׳שׁוֹמֵר׳ הָאט אִים אַלְץ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט! – וָוארְן סְ׳אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי אַיינְגֶעזֶעצְט גֶעוֶוען זֵייעֶרע ׳נַארִישְׁקַייט׳ [זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אַיינְגֶעזִינְקֶען דֶערִין] פוּן אַ לַאנְגֶע צַייט, כַּנַ״ל.

נאָר דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳, הָאט אָבֶער מִיט אִים אַסַאךְ גֶעטַעֲנָה׳ט! – בִּיז צוּם סוֹף הָאט דֶער ׳שׁוֹמֵר׳ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״וַוייטֶער וָואס קֶען אִיךְ טָאן, אִיךְ בִּין זִיךְ [דָאךְ] נָאר אֵיינֶער [קֶעגְן] אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי ׳מְדִינָה׳ וָואס זֶענֶען אַסַאךְ]״?!

אוּן ׳דָאס׳ הָאט שׁוֹין אַ פְּנִים עֶפֶּעס פוּן אַ ׳תְּשׁוּבָה׳ [עֶנְטְפֶער]! – [דְהַיְינוּ: אַז דֶער ׳דָאזִיגֶער עֶנְטְפֶער׳, אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיקְל ׳טְרֵייסְט׳ פַארְן ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳]! – וָוארְן [דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען: אַז] דִי רֵייד וָואס דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳ הָאט פְרִיעֶר גֶערֶעדְט מִיט דֶעם ׳שׁוֹמֵר׳, אוּן דִי רֵייד וָואס עֶר הָאט אִיצְט [יֶעצְט] גֶערֶעדְט – הָאבְּן זֵיי זִיךְ אִינְאֵיינֶעם צוּם-אוֹיףְ-גֶענוּמֶען [צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען], בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים עֶפֶּעס גֶערִירְט!

(וָוארְן דִי ׳תְּשׁוּבָה׳ וָואס דֶער ׳שׁוֹמֵר׳ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״וָואס קֶען אִיךְ טָאן וְכוּ׳״? – דָאס וַוייזְט אוֹיס: אַז דִי רֵייד פוּן דֶעם ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳, הֵייבְּן שׁוֹין אָן עֶפֶּעס אַבִּיסְל אַרַיינְצוּגֵיין אִים אִין הַארְצְן אַרַיין)!

אוּן אַזוֹי אִיז דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳ גֶעגַאנְגֶען צוּם אַנְדֶערְן ׳שׁוֹמֵר׳, אוּן הָאט מִיט אִים אוֹיךְ גֶערֶעדְט אַזוֹי-וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט! – אוּן צוּם סוֹף הָאט עֶר אִים אוֹיךְ אַזוֹי גֶעעֶנְטְפֶערְט כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]: ״אִיךְ בִּין זִיךְ נָאר אֵיינֶער [קֶעגְן אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי ׳מְדִינָה׳] וְכוּ׳״, כַּנַ״ל.

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] אַלֶע [אַנְדֶערֶע] ׳שׁוֹמְרִים׳, הָאבְּן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט דִי [זֶעלְבֶּע] ׳תְּשׁוּבָה׳ צוּם סוֹף! דֶערְנָאךְ – אִיז דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען [אִינֶעוֵוייניג] אִין ׳שְׁטָאט׳ אַרַיין! אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וִוידֶער מִיט זֵיי צוּ שְׁמוּעֶסְן, וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען: ״בַּאֲשֶׁר אַז זֵיי אַלֶע זֶענֶען גָאר אִין ׳טָעוּת׳ זֵייעֶר, אוּן דָאס ׳גֶעלְט׳ אִיז גָאר קֵיין ׳תַּכְלִית׳ נִישְׁט! – נָאר דֶער ׳עִיקַר תַּכְלִית׳ אִיז, אַז מֶען זָאל נָאר עוֹסֵק זַיין אִין ׳תּוֹרָה׳ אוּן ׳תְּפִילָה׳ וְכוּ׳״!

הָאבְּן זֵיי אִים נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט! – וָוארְן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע, זֵייעֶר גֶעוֶוען אַיינְגֶעוָוארְצְלְט אִין דֶעם ׳גֶעלְט׳ פוּן אַ לַאנְגֶע צַייט! אוּן זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט: ״פוּן דֶעם ׳גִּבּוֹר׳! אוּן אַז זֵיי ווִילְן שִׁיקְן צוּ דֶער ׳מְדִינָה׳ וָואס זֵיי זֶענֶען אַלֶע ׳גָאטְן׳ וְכוּ׳, כַּנַ״ל.

הָאט עֶר אוֹיס זֵיי אוֹיךְ גֶעלַאכְט [זֵיי אוֹיךְ אוֹיסְגֶעלַאכְט] – אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: ״אַז דָאס אִיז אַ ׳נַארִישְׁקַייט׳!

אוּן [אַז] זֵיי זֶענֶען אַלֶע ׳נָאר מֶענְטְשְׁן׳! – אוּן זֵיי וֶועלְן אַייךְ גָארְנִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן! וָוארְן אִיר זֶענְט ׳מֶענְטְשְׁן׳, אוּן זֵיי זֶענֶען ׳מֶענְטְשְׁן׳, אוּן זֵיי זֶענֶען גָאר קֵיין ׳גָאט׳ נִישְׁט! – נָאר ׳אֵיין גָאט בָּרוּךְ-הוּא׳ אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] וְכוּ׳״!

אוּן מִכֹּחַ [אוֹיף דֶעם זַאךְ פוּן] דֶעם ׳גִּבּוֹר׳! הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן (מִיט דֶעם ׳לָשׁוֹן׳): ״אוֹיבּ סֶע [סְ׳אִיז] נִישְׁט דֶער ׳גִּבּוֹר׳״?! (אַזוֹי-וִוי אֵיינֶער פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ: ״אוֹיבּ דָאס אִיז נִישְׁט ׳דֶער׳ וָואס עֶר וֵוייסְט״)?!

הָאבְּן זֵיי נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט!

אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיינֶעם צוּם אַנְדֶערְן, אוּן הָאט מִיט זֵיי אַלְץ אַזוֹי גֶעשְׁמוּעֶסְט, כַּנַ״ל.

אוּן מִכֹּחַ [אוֹיף דֶעם זַאךְ פוּן] דֶעם ׳גִּבּוֹר׳ – הָאט עֶר צוּ אִיטְלֶעכְן גֶעזָאגְט: ״אוֹיבּ סֶע [סְ׳אִיז] נִישְׁט דֶער ׳גִּבּוֹר׳ וְכוּ׳, כַּנַ״ל״?! הָאבְּן זֵיי נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען זַיינֶע רֵייד וָואס עֶר מֵיינְט!

שם: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (5)

**א.** וואספארא עצה האבן זייערע סוחרים געגעבן פאר זיי?
- ❑ אז זיי זאלן אנטלויפן
- ❑ אז זיי זאלן זיך מכניע זיין
- ❑ אז זיי זאלן שיקן שליחים צו די מדינה וואס אלע האבן אזויפיל געלד וואס לויט זייער שיטה זענען זיי אלע גאטין - אז זיי זאלן זיי העלפן

**ב.** וואס האט דער שומר פון מדינה של עשירות געזאגט צום בעל תפלה ווען ער איז נאכאמאל געקומען צו זיי?
- ❑ אז זיי האבן גארנישט מורא פונעם גבור
- ❑ אז זיי ווילן תשובה טוהן און פאר'מיעוס'ן געלד
- ❑ אז זיי האבן מורא פונעם גבור און זיי ווילן שיקן שליחים צו די מדינה וואס אלע זענען דארטן (לויט זייער שיטה) גאטין

**ג.** וואס האט דער בעל תפלה געענטפערט?
- ❑ ער האט אים זייער אויסגעלאכט און געזאגט אז ס'איז א גרויסע נארישקייט אז זיי זענען גאטין
- ❑ ער האט זייער געוויינט און גארנישט געזאגט
- ❑ ער האט זייער געקרעכצעט און איז אוועק געגאנגען

**ד.** וואס נאך האט זיי דער בעל תפלה געזאגט?
- ❑ עס איז נאר דא איין גאט אויף דער וועלט
- ❑ אז נאך דעם איבירשטן דארף מען דינען און צו אים דארף מען דאווענען
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה.** וואס האט דער שומר צום סוף געענטפערט?
- ❑ וואס קען איך טוהן איך בין דאך נאר איינער
- ❑ וואס קען איך טוהן איך טראכט אנדערש
- ❑ וואס קען איך טוהן איך וויל נישט הערן

**ו.** וואס האט דער בעל תפלה פארשטאנען פון די ענטפער?
- ❑ אז זיינע ווערטער האבן נאך גארנישט אויפגעטון ביי די מענטשן
- ❑ אז זיינע ווערטער האבן שוין אינגאנצן אויפגעטון ביי די מענטשן
- ❑ אז זיינע ווערטער האבן שוין עפעס אביסל אויפגעטון ביי די מענטשן

**ז.** וואס האט זיי דער בעל תפלה געזאגט ווען דעם גבור?
- ❑ אז ער איז נישט אזא גבור
- ❑ אויב איז עס נישט דער גבור ?! (אזוויי איינער וואס וואונדערט זיך)
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צווייטמאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**אין די מעשה וואס מיר האבן געלערנט די וואך**

**וויפיל מאל שטייט אז דער בעל תפילה האט זיי אויסגעלאכט ?**

**און וויפיל מאל שטייט אז דער בעל תפילה האט זיי געזאגט "דאס איז זייער א גרויס נארישקייט" ?**

### תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (4)

**וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה וואס מיר האבן געלערנט די וואך דאס ווארט "בעל תפילה" ? 14**

און וויפיל מאל ווערט דערמאנט "בעל תפילה" באהאלטן (דאס מיינט אז עס שטייט וואס דער בעל תפילה האט געטון אן דער ווארט בעל תפילה – נאר מיר פארשטייען אז דאס מיינט דער בעל תפילה) ? 23

**דער געווינער אויף 'בעל תפלה ' 4 איז הילד היקר נחמן שפיגל ירושלים *** 0437**

**ב"ה אז דער טעלעפאן ליין ארבעט שוין און מען קען שוין מאכן די בחינות, רופט**

**646-585-3040 02-5-3333-72**

# ווערטער וואס ברעכן שטיינער



מִיר הָאבְּן גֶעזֶען אִין דִי מַעֲשֶׂה דִי גֶעוַואלְדִיגֶער פַּחַד וָואס דִי עֲשִׁירִים הָאבְּן גֶעהַאט פוּנֶעם גִּיבּוֹר וָואס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען מֶעכְטִיגֶע לֶענְדֶער. זֵייעֶרֶע סוֹחֲרִים הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה אַז מְ'זָאל שִׁיקְן נָאךְ הִילְף צוּ אַ לַאנְד וָואס בַּאשְׁטֵייט בְּלוֹיז פוּן אָפְּגֶעטֶער.

אִינְצְווִישְׁן אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה צוּגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶערֶעדְט צוּם הַארְץ פוּן אֵיינֶעם פוּן דִי שׁוֹמְרִים, אוּן אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז ס'אִיז גָארְנִישְׁט דָא צוּ טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן דַאוֶוענֶען צוּ אִים. דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פְּלַאנְט אִיר צוּ טוּן קֶעגְן דֶעם גִּיבּוֹר?" הָאט דֶער שׁוֹמֵר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז זֵיי ווִילְן שִׁיקְן הִילְף צוּ אַ לַאנְד וָואס בַּאשְׁטֵייט בְּלוֹיז פוּן אָפְּגֶעטֶער. וֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז אַלֶעס גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקַייטְן, וַוייל אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן פוּן יֶענֶעם לַאנְד זֶענֶען אוֹיךְ סַךְ הַכֹּל נִישְׁט מֶער ווִי אַ בָּשָׂר וָדָם. ס'אִיז נָאר דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס נָאר אִים אַלֵיין דַארְף מֶען דִינֶען..."

דֶער וֶועכְטֶער הָאט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ אִים, דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט אָבֶער וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּ אִים, בִּיז עֶנְדְלִיךְ הָאט דֶער וֶועכְטֶער גֶעזָאגְט: "נוּ, וָואס קֶען אִיךְ שׁוֹין טוּן? אִיךְ בִּין דָאךְ נָאר אֵיין יָחִיד, אוּן קֶעגְן מִיר זֶענֶען דָא אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן אִין דֶעם לַאנְד..." דָאס דָאזִיגֶע תְּשׁוּבָה הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטִיקְל טְרֵייסְט פַארְן בַּעַל תְּפִלָּה, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז זַיינֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן עֶפֶּעס אוֹיפְגֶעטָאן אוּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ רוֹשֶׁם אוֹיפְן הַארְץ פוּנֶעם שׁוֹמֵר.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע טוּמְל צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער אִין דִי קְהִלָּה. אִין צְוֵויי חֳדָשִׁים אַרוּם גֵייעֶן פָּארְקוּמֶען דִי בְּחִינוֹת אַרַיינְצוּגֵיין אִין "יְשִׁיבָה קְטַנָּה". קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם מִיט בַּר-מִצְוָה בָּחוּרִים הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בְּלֶעטֶער גְּמָרָא אוֹיסְנֶווייניג, אִיבֶּערְגֶע'חַזְר'ט מְפָרְשִׁים, אוּן זִיךְ גוּט צוּגֶעגְרֵייט פַאר דִי ווִיכְטִיגֶע אוּן גוֹרָל'דִיגֶע בְּחִינָה.

צְווִישְׁן דִי אַלֶע קִינְדֶער אִיז גֶעוֶוען אַ קְבוּצָה וָואס הָאט אִינְגַאנְצְן אִיגְנָארִירְט אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין קְלַאס אוּן אִין דִי גַאס. זֵייעֶר גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס אִיז נָאר גֶעוֶוען אִיבֶּער טַייעֶרֶע שְׁפִּילְצֵייגְן אוּן זֶעלְטֶענֶע טְשַׁאטְשְׁקֶעס. זֵייעֶרֶע פְּנִימֶ'ער הָאבְּן גֶעשַׁיינְט פַאר עֶקְסְטַאז וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס אַרְבֶּעטְן אוּן פַארְדִינֶען שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער "מַמָּשׁ ווִי עֲשִׁירִים". יֶעדֶער הָאט גֶעוואוּסְט פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע בְּקִיאוּת אוּן בְּרֶען אִין דִי אַלֶע זַאכְן. אָבֶּער פוּן דִי בְּחִינוֹת הָאבְּן זֵיי זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלַאכְט, כְּאִילוּ ס'עֶקְזִיסְטִירְט בִּכְלַל נִישְׁט אַזַא זַאךְ.

אֵיין טָאג הָאט רֶבִּי שְׁמוּאֵל, אֵיינֶער פוּן דִי חֲשׁוּבֵי לוֹמְדֵי הַכּוֹלֵל, גֶעזֶען חֶזְקִי'ן ווִי עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם לַאנְגְוַוייליג אִין "הֵיכַל-הַתּוֹרָה". עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִים

המשך אויף זייט 8

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר נתן אנשין הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יצחק וועבערמאן הי"ו
לרגל נישואי הבת למזל טוב
החתונה אי"ה ד' בלק באולם הכרמים, בית שמש